קונטרס

# אמרי מנחם

דברי תורה וסיפורי קודש
מאת כבוד קדושת מרן
רבינו **אברהם מנחם מענדל וואגשאהל** זי"ע
**אדמו"ר משינאווא**

## ויקהל - שקלים

גליון ל' - שנת תשפ"ד לפ"ק

· **אידיש** ·

יו"ל ע"י

מכון אמרי מנחם
וועד להוצאת
ספרי רבינו זצוק"ל
**שינאווא**

כל הזכויות שמורות

בס"ד

מי שיש לו איזה הערות או הארות
נא לפנות אל המכון

יכולין להשאיר הודעה על הטעל. 845.459.5954

או לשלוח ע"י אימעיל
mechonshinova@gmail.com

**לקבלת הקונטרס מידי שבוע**
**נא לשלוח אימעיל עם הבקשה**
**MechonShinova@gmail.com**

וַיַּקְהֵל מֹשֶׁה וגו' אֵלֶּה הַדְּבָרִים אֲשֶׁר צִוָּה ה' לַעֲשֹׂת אֹתָם. שֵׁשֶׁת יָמִים תֵּעָשֶׂה מְלָאכָה וּבַיּוֹם הַשְּׁבִיעִי יִהְיֶה לָכֶם קֹדֶשׁ וגו'. וַיֹּאמֶר מֹשֶׁה וגו' זֶה הַדָּבָר אֲשֶׁר צִוָּה ה' לֵאמֹר קְחוּ מֵאִתְּכֶם תְּרוּמָה לַה' וגו'.

**א)** די ווערטער '**אלה הדברים אשר צוה ה' לעשות אותם**' גייט בפשטות ארויף אויפן ציווי פון שבת וואס שטייט אינעם קומענדיגן פסוק. אבער לויט דעם, פרעגן שוין די מפרשים אויפן לשון 'לעשות' - שבת איז דאך פארקערט פון 'עשיה'? די מצוה פון שבת איז דאך צו 'רוען' און 'נישט צו טון'?

**ב)** אנדערע ווילן זאגן, אז דער '**אלה הדברים אשר צוה ה' לעשות אותם**' גייט ארויף אויף 'מלאכת המשכן' - וואס דאס איז שוין יא אן 'עשיה'. אבער לויט דעם איז שווער, פארוואס זאגט ער שפעטער נאכאמאל איבער '**זה הדבר אשר צוה ה' לאמר**'? און אויך איז שווער, אז דער סדר הפסוקים שטימען נישט, ער רעדט קודם פון 'משכן', דערנאך פון 'שבת', און דערנאך קומט ער צוריק צום 'משכן'?

**ג)** אויך איז שווער די קושיא פון די מפרשים: אויבן אין די פרשיות וואו דער אייבערשטער האט געהייסן פאר משה דעם גאנצן מלאכת המשכן - שטייט קודם דער ענין פון 'משכן' און בגדי כהונה, און ערשט שפעטער - אין פרשת כי תשא (ל"א י"ב) - שטייט דער ענין פון 'שבת', נו, פארוואס האט משה רבינו משנה געווען, און מקדים געווען 'שבת' איידער 'מלאכת המשכן'?

**ד)** בכלל איז שווער, וואו קומט דא אהער דער ענין פון שבת צום מלאכת המשכן? רש"י זאגט טאקע, אז עס קומט מיר זאגן, אז דאס בויען דעם משכן איז נישט דוחה שבת. אבער לכאורה איז שווער: פארוואס זאל איך מיינען אז עס איז **יא** דוחה? ביי קיין שום מצוה שמועסט נישט די תורה אויס, אז עס איז נישט דוחה שבת, ווייל מען פארשטייט אליינס, אז ווילאנג די תורה זאגט נישט בפירוש אז ביי **דער** מצוה מעג מען מחלל שבת זיין - טאר מען אודאי נישט

מחלל שבת זיין. און פארוואס פונקט ביים משכן וואלט איך געהאט א הוה אמינא אז מען מעג יא מחלל שבת זיין?

**ה)** דער פסוק זאגט: "**שֵׁשֶׁת יָמִים תֵּעָשֶׂה מְלָאכָה**" - זעקס טעג זאל **געטון ווערן** מלאכות. דארף מען פארשטיין, פארוואס רעדט ער נישט בלשון נוכח, 'תַּעֲשֶׂה מְלָאכָה' - זעקס טעג מעגסטו טון א מלאכה?

**ו)** דער מדרש זאגט (תנחומא כי תשא לג): "**אמר להם הקב"ה לישראל שמרו את השבת שהיא שקולה כנגד כל התורה**" - דער שבת איז אזוי חשוב ווי די גאנצע תורה. דארף מען פארשטיין, פארוואס טאקע איז דער שבת אזוי גרויס - מער ווי אלע אנדערע מצוות?

**ז)** די גמרא זאגט (ברכות נה.): "**יודע היה בצלאל לצרף אותיות שנבראו בהן שמים וארץ**" - בצלאל האט געהאט אזא חכמה, אז ער האט געקענט צוזאמשטעלן די אותיות מיט וואס דער אייבערשטער האט באשאפן די וועלט. און רש"י זאגט דארט, אז אין 'ספר יצירה' שטייט אט דער סוד פון די צירופים. לכאורה דארף מען פארשטיין, בצלאל האט דאך נישט געדארפט דא באשאפן עפעס א **נייע** זאך מיטן ספר יצירה, ער האט דאך נאר געדארפט צוזאמשטעלן די אלע כלים פונעם גאלד און זילבער וואס אידן האבן געברענגט, נו, צו וואס האט דאס אויסגעפעלט אז ער זאל קענען צוזאמשטעלן די אותיות פונעם ספר יצירה?

**ח)** ביים אויפשטעלן דעם משכן, שטייט (שמות לט, לג): "**וַיָּבִיאוּ אֶת הַמִּשְׁכָּן אֶל מֹשֶׁה**". זאגט רש"י: "**אמר משה לפני הקדוש ברוך הוא איך אפשר הקמתו על ידי אדם, אמר לו עסוק אתה בידך נראה כמקימו והוא נזקף וקם מאליו וזהו שנאמר הוקם המשכן הוקם מאליו**" - משה האט געפרעגט: וואו קען איך אויפהייבן אזעלכע שווערע ברעטער? האט אים דער אייבערשטער געזאגט: דו כאפ עס נאר אָן און עס וועט אויסזעהן **כאילו** דו שטעלסט עס אויף, און עס וועט זיך אויפשטעלן פון זיך אליינס. לכאורה איז שווער: אויב האט מען סייווי געדארפט אנקומען צו א נס מן השמים, נו, צו וואס האט אויסגעפעלט אז משה זאל זיך מאכן כאילו **ער** שטעלט עס אויף? זאל עס זיין

אינגאנצן 'בידי שמים'? אדער זאל דער אייבערשטער אריינגעבן אין משה'ן העכערע כוחות דאס צו קענען אויפצושטעלן 'בידי אדם'?

**דער 'אין סוף ברוך הוא' האט גערוהט אויף זייער תשוקה וואס איז אויך געווען 'אין סוף'**

**נאר** עס קען אפשר זיין אזוי. דער זרע קודש (פרשת תרומה ד"ה א"י ויקחו) ברענגט א מדרש (תנחומא נשא יא), אז משה האט זיך געוואונדערט, ווי קען זיין אז דער אייבערשטער וועט קומען רוען אין א משכן פון א פאָר ברעטער? דער אייבערשטער איז דאך 'אין סוף'; ווי דער פסוק וואונדערט זיך טאקע (מלכים א ח, כז): "הלא השמים ושמי שמים לא יכלכלוך אף כי הבית הזה".

**אויף** דעם ענטפערט דער זרע קודש, אז ווען אידן האבן געברענגט די נדבות צום משכן, האבן זיי דאס געטון מיט אזא מין חשק און תשוקה - וואס איז געווען ממש בלי סוף! זיי האבן זיך ממש אויסגעליידיגט פון יעדע פרוטה וואס זיי האבן געהאט, און זיי האבן געטראכט ביי זיך: "הלואי ווען איך קען ווען ברענגען אלע גאלד און זילבער פון דער גאנצער וועלט!", און אפילו דאס איז זיי אויך נישט געווען גענוג, נאר די תשוקה איז געגאנגען נאך העכער, זיי האבן געטראכט: "הלואי וואלט דער משכן געווען גרעסער ווי אלע עולמות, און איך זאל קענען ברענגען אָן א שיעור צום משכן!". קומט אויס, אז זייער תשוקה און כיסופים איז געווען אָן קיין שיעור און אָן קיין ערך. ממילא איז שוין נישט שווער, וויאזוי האט דער 'אין סוף' גערוהט אין די פאָר ברעטער, ווייל ער האט נישט גערוהט אין די פשוט'ע ברעטער נאר אויף די תשוקה וואס אידן האבן אריינגעלייגט **אין** די ברעטער! וואס זייער תשוקה איז אויך געווען א געוויסע בחינה פון 'אין סוף'.

**ווי קען זיין אז קיינער האט נישט געהאט קיין 'מדת הקמצנות'?**

**אבל** לכאורה דארף מען פארשטיין, מען רעדט דאך דא פון '**כָּל עֲדַת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל**', נו אין א **גאנצער** כלל ישראל זענען דאך פארהאן פארשידענע מדרגות און פארשידענע טבעיות'ן פון מענטשן, און געווענליך זענען פארהאן אויך אזעלכע מענטשן וועלכע האבן א גרויסן 'תאות הממון' - צו האבן און פארמאגן געלט, און געווענליך זענען די מענטשן בטבע מער 'קמצנים' און 'קארגע', וואס אפילו ווען

ער גיבט צדקה, איז עס אבער נישט מיט אזא מין 'פזרנות' אוועקצוגעבן אלעס וואס ער פארמאגט. און ריכטיג טאקע, אז אויך ביי זיי האט געברענט א תשוקה צום אייבערשטן, אבער פון צווייטן זייט, איז דאך אויך דא ביי זיי די 'מדת הקמצנות', נו וויאזוי האבן זיי זיך פלוצלינג אלע איגאנצן באפרייט פון דער גאנצער מדה פון 'קמצנות' און 'תאות ממון', און **אלע** האבן געוואלט אוועקגעבן **אלע** געלטער פארן אייבערשטן? דאס האט דאך זיכער געדארפט האבן עפעס א הקדמה פריער, אויסצורייסן דעם קמצנות, און ערשט נאכדעם האט געקענט קומען די 'תשוקה', און זיי אריינברענגען אין אזא ברען עד כדי כך אוועקצוגעבן **אלעס**, און וועלן געבן נאך און נאך.

##### ווען א איד איז שטארק אין אמונה – איז ער נישט קארג

**עס** קען זיין, אז דער כח אויסצורייסן די קמצנות איז דורך די 'אמונה' וואס א איד גלייבט, אז דער אייבערשטער האט אלעס באשאפן, און אלץ וואס ער פארמאגט – איז דעם אייבערשטנ'ס. און כאטש ער שוויצט, ער ארבעט און טוט פאר זיין פרנסה, און עס זעט אים אויס כאילו ער פארדינט געלט דורך זיינע אייגענע פעולות – דאך גלייבט א איד באמונה שלימה, אז עס איז נישט אזוי! ווייל נישט די סיבה מאכט רייך, נאר דער אייבערשטער מאכט רייך! עס האט נישט קיין שום שייכות מיט די פעולות וואס ער טוט! ער דארף טון די פעולות – בלויז ווייל אזוי איז דער רצון ה'; ווי דער חובת הלבבות זאגט אין שער הבטחון (פרק ה'), אז א מענטש איז מחויב צו מאכן השתדלות. און אזוי שטייט באמת אין פסוק (בראשית ג, יט): "**בזיעת אפך תאכל לחם**", אז צוליב דעם תיקון פון חטא אדם הראשון מוז א מענטש ארבעטן שווער, און דאס איז ווי א **זייטיגע תנאי** אז ער מוז טון. אבער עס איז א שקר צו טראכטן: "נאך א נס אז איך טוה דער מלאכה! ווען נישט, וואלט איך נישט געהאט וואס צו עסן!", ווייל די השפעה קומט בכלל נישט פון דיין מלאכה, נאר פונעם אייבערשטן אליינס. און דאס איז ממש דער יסוד פונעם גאנצן איד ארום און ארום.

##### שאתה ושלך שלו: איך האב נישט קיין 'אייגן' געלט

**קומט** אויס, אז ווען א מענטש האט א קלארע אמונה – שפירט ער נישט אז ער האט עפעס 'אייגן געלט', ווייל אלץ וואס ער

פארמאגט - איז בלויז די השפעה וואס דער אייבערשטער איז אים משפיע. און דעמאלט איז אים שוין נישט שווער אוועקצוגעבן זיין **גאנצע** געלט פארן אייבערשטן, ווייל ער שפירט אז ער גיבט נישט אוועק פון 'זיך', נאר ער גיבט **פונעם** אייבערשטן **צום** אייבערשטן; ווי די משנה זאגט (אבות ג, ח): **"תן לו משלו, שאתה ושלך שלו" - גיב פארן אייבערשטן פון 'זיין' געלט, ווייל 'דו' מיט אלץ וואס דו פארמאגסט - איז זיינס**. און איינמאל א מענטש קומט אָן צו דער הכרה - ווערט ער באפרייט! דער 'זיך' הערט אים אויף צו שטערן! עס ווערט אויסגעריסן די מדה פון 'קמצנות'! און דעמאלט קען ער גיין הויך הויך, צו געבן צדקה מיטן גאנצן הארץ און מיט א מורא'דיגע תשוקה עד כלות הנפש.

**שבת ווייזט, אז דער אייבערשטער באשאפט די בריאה יעדע רגע פונדאסניי**

**עס** קען זיין, אז דורכן כח פון שבת קען א איד אנקומען צו אט דער אמונה. ווייל דער גאנצער שבת ווייזט דאך אויף א שטיק אמונה ווייל דאס איז דאך דער פשוט'ער טעם פון שמירת שבת, אז א איד גלייבט אז דער אייבערשטער האט באשאפן די גאנצע וועלט אין זעקס טעג, און אינעם זיבעטן טאג האט ער גערוהט. און דאס איז נישט בלויז געווען איינמאל, ווייל אויב יא וואלט מען דאך נישט געדארפט מאכן שבת יעדן זיבעטן טאג נאכאמאל, נאר עס וואלט געווען גענוג איינמאל א יאר אלס זכר - אזויווי אלע ימים טובים. נאר דאס חזר'ט זיך איבער **יעדע וואך** כסדר (ראה אוה"ח הק' בראשית ב, ג), אז אין די זעקס וואכנטעג **באשאפט** דער אייבערשטער די גאנצע בריאה **פונדאסניי** 'מאין ליש', און **יעדן** שבת איז דא ביי אים א בחינה פון 'רוען'. קומט אויס, אז שבת ווייזט אויף אמונה אז דער אייבערשטער האלט אין איין מהווה זיין די בריאה יעדע מינוט און יעדע רגע, און ווי דער עבודת ישראל (פר' וארא ד"ה וארא) ברענגט פונעם בעל שם טוב, אויפן פסוק (תהלים קיט, פח): **"לעולם ה' דברך נצב בשמים"**, אז דער דיבור מיט וואס דער אייבערשטער האט באשאפן די וועלט, איז נאכאלץ פועל און איז מחדש די וועלט שטענדיג יעדע **רגע**, (נישט ווי די אומות העולם וועלכע זאגן, אז נאכדעם וואס דער אייבערשטער האט באשאפן די וועלט - שטייט עס שוין פון זיך אליינס חס ושלום).

**די ברכה קומט גאר פון 'שבת' - ווען מען טוט 'גארנישט' קיין השתדלות**

**נאך** א טעם פארוואס שבת ווייזט אויף אמונה. ווייל דער זוהר הק' זאגט דאך (ח"ב פח.): "**דההוא יומא מתברכאן מיניה כל שיתא יומין עלאין**" - פונעם שבת ווערן געבענטשט אלע טעג פון דער וואך. קומט אויס, אז דוקא דער טאג - ווען דער מענטש רוהט און טוט **נישט** קיין שום פעולות און השתדלות'ן - דוקא דער טאג ברענגט אים די גאנצע ברכה! זיין פרנסה קומט נישט פון די אלע זעקס טעג וואס ער ארבעט **יא** און טוט פעולות - נאר פונעם שבת - ווען ער טוט **גארנישט**! און די סיבה פארוואס ער דארף בכלל טון די אלע פעולות, איז נישט כדי צו האבן פרנסה, נאר צוליב רצון ה' און פארן תיקון פונעם חטא אדם הראשון.

**שבת ברענגט צום תכלית כל התורה - אמונה שלימה**

**דאס** קען זיין דער ענין פארוואס 'שקולה שבת ככל התורה כולה'. ווייל די תכלית פון דער גאנצער תורה איז דאך צו ברענגען צו אמונה; ווי עס שטייט (תהלים קיט, פו): "כָּל מִצְוֹתֶיךָ אֱמוּנָה", און דורכן שבת קען א איד אנקומען צו די ריכטיגע אמונה, דעריבער איז עס 'שקול ככל התורה כולה'.

**און** נאך א סיבה: ווייל ווען א איד היט שבת און ער נעמט אריין אין הארץ די אמונה, אז אלץ וואס ער פארמאגט - איז בלויז די ברכה וואס דער אייבערשטער האט אים געגעבן - אָן קיין שום שייכות צו זיינע פעולות - וועט ער דורכדעם מקיים זיין אלע מצוות התורה, און נישט פאלן פון א 'נסיון כסף' - נישט ווענדיג אויסגעבן געלט פאר די מצות התורה, ווייל ער וועט וויסן קלאר, אז פון 'קיום התורה' דערלייגט מען גארנישט, ווייל אלעס קומט דאך נאר פונעם אייבערשטנ'ס ברייטע האנט, און פארקערט, דער אייבערשטער וועט אים גאר משפיע זיין נאכמער.

**משה רבינו איז מקדים 'שבת' - כדי די נדבות זאלן זיין מיטן גאנצן ברען**

**מיט** דעם פארשטייט מען שוין זייער גוט, דעם שייכות פון שבת צו מלאכת המשכן, און פארוואס משה רבינו האט עס מקדים געווען נאך איידער מלאכת המשכן - כאטש דער אייבערשטער האט אים דאס געזאגט שפעטער. ווייל משה רבינו האט געוואוסט, אז כדי

מען זאל קענען בויען א משכן וואו דער **אין סוף** זאל רוען, מוז מען געבן די נדבות מיט א תשוקה און רצון אין א בחינה פון **אין סוף**. און דאס איז דאך נישט שייך ווילאנג א מענטש האט נאך אין זיך די מדה פון ׳קמצנות׳. און דערפאר, כדי אויסצורייסן די מדה פון ׳קמצנות׳ האט ער קודם געהייסן היטן שבת, וואס דאס האט ארייגעברענגט אין זיי א געוואלדיגן כח פון אמונה, און זיי האבן אנגעהויבן גלייבן מיט א קלארקייט אז אלץ וואס זיי פארמאגן - איז גארנישט זייערס! אלעס באקומט מען פונעם אייבערשטן! נו, ווי קען מען קארגן און עס האלטן פאר זיך? עס איז דאך אלעס דעם אייבערשטנ׳ס! און איינמאל דער כח פון שבת האט אויסגעריסן דער קמצנות פון זיי - האבן זיי טאקע געברענגט די נדבות המשכן מיטן גאנצן ברען עד אין סוף.

##### אלע השתדלות׳ן איז ׳אשר צוה ה׳ לעשות׳ - בלויז צוליב רצון ה׳

**מיט** דעם פארשטייט מען שוין דעם סדר הפסוקים: ״**וַיַּקְהֵל מֹשֶׁה אֶת כָּל עֲדַת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל**״ - משה רבינו האט צוזאמעגענומען כלל ישראל צו רעדן וועגן דעם משכן, אבער כדי די נדבות המשכן זאל זיין מיטן גאנצן ברען, ״**וַיֹּאמֶר אֲלֵהֶם**״ - האט ער געזאגט, זאלט עטץ וויסן אידישע קינדער: ״**אֵלֶּה הַדְּבָרִים**״ - די אלע מלאכות וואס עטץ טוט א גאנצע וואך פאר פרנסה - ׳אלה׳ איז בגימטריא זעקס און דרייסיג, און ׳הדברים׳ איז נאך דריי, וואס דאס זענען די ל״ט מלאכות פון די וואכנטעג; ווי די גמרא זאגט (שבת ע.) - דאס טוט עטץ נאר: ״**אֲשֶׁר צִוָּה ה׳ לַעֲשֹׂת אֹתָם**״ - בלויז ווייל דער אייבערשטער האט געהייסן טון השתדלות, און נישט ווייל עטץ פארדינט עפעס געלט פון דעם. ווייל אינ׳אמת׳ן ברענגט דאס נישט קיין שום השפעה. און דערפאר: ״**שֵׁשֶׁת יָמִים תֵּעָשֶׂה מְלָאכָה**״ - ווען דו טוסט א מלאכה אין די זעקס טעג, זאלסטו עס נאר טון כלאחר יד, ׳**תֵּעָשֶׂה**׳ - כאילו עס טוט זיך פון זיך אליינס! דו זאלסט זיך נישט ארייגלייגן דערין ראשו ורובו, און דו זאלסט זיך נישט איינרעדן אז דוקא דורך דער מלאכה באקומסטו דיין השפעה, ווייל נישט פון דארט קומט די השפעה! נאר פון וואו דען קומט די השפעה? ״**וּבַיּוֹם הַשְּׁבִיעִי יִהְיֶה לָכֶם**״ - דער ׳לכם׳ איז מרמז אויף ׳כל צרכיכם׳ (ביצה כח:) - דאס הייסט, אז אלע

ענקערע צרכים און השפעות טובות קומט בלויז פונעם זיבעטן טאג, פונעם שבת קודש.

**נאך אזעלכע דיבורים פון משה רבינו – זענען זיי אלע געווארן 'נדיבי לב'**

**ווי** נאר דער הייליגער משה רבינו האט גערעדט צו אידן וועגן שמירת שבת, האט ער אריינגעשיינט אין זיי א טיפע אמונה. ממילא שטייט ווייטער: "**וַיֹּאמֶר מֹשֶׁה אֶל כָּל עֲדַת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל לֵאמֹר**" - ער האט גערעדט צו **גאנץ** כלל ישראל, און געזאגט: "**קְחוּ מֵאִתְּכֶם תְּרוּמָה לַה' כֹּל נְדִיב לִבּוֹ יְבִיאֶהָ**" - עס איז נישט קיין ציווי, קיינער **מוז** נישט ברענגען. אבער יעדער פון אייך **קען** שוין זיין א 'נדיב לב' - אפילו אויב ער איז בטבע געווען א 'קמצן'. ווייל נאכדעם וואס מען האט באקומען אזא אמונה אז אלעס קומט פונעם אייבערשטן, קען מען שוין נישט זיין קיין קמצן! און פארקערט, דורכדעם האט זיך שוין אויפגעוועקט ביי יעדן איינעם זיין 'נדיבות הלב', מיט א השתוקקות און א כלות הנפש פון טיפעניש פון הארץ, צו ברענגען נדבות צום משכן. און דורכדעם האבן זיי געקענט אריינברענגען דעם 'אין סוף' אין א משכן פון א פּאָר ברעטער, וויבאלד דארט איז געליגן דער 'רצון אין סוף' פון אידישע קינדער.

**אין די נדבות המשכן האט בצלאל מרגיש געווען די אמונה פון כלל ישראל**

**עס** איז דאך באקאנט דער כלל פון 'כח הפועל בנפעל' (אגרא דפרקא פב, ועוד), אז דורכדעם וואס א מענטש טוט עפעס מיט א געוויסע כונה, גייט אריין 'זיין' כח און מחשבה אינעם 'פעולה'. וויבאלד אידן האבן געברענגט די נדבות המשכן מיט אזא געוואלדיגע אמונה אז דער אייבערשטער האט באשאפן די וועלט, און ער פירט דאס ווייטער יעדע רגע - וואס דאס איז מרומז אינם שבת וואס משה האט געזאגט פאר אידישע קינדער - איז אריינגעגאנגען אין דעם כסף וזהב, דער כח האמונה פון אידישע קינדער. און דאס האט געברענגט אזוי ווייט, אז בשעת ווען בצלאל האט געארבעט אויפן משכן מיט די הייליגע נדבות פון אידישע קינדער, האט ער אזוי שטארק געשפירט די אמונה אז דער אייבערשטער האט באשאפן די וועלט, ביז ער האט שוין ממש געוואוסט צו זאגן וועלכע אותיות דער אייבערשטער האט מצרף געווען בשעת'ן באשאפן די וועלט!

**אלע פעולות וואס א 'מענטש' טוט - איז בלויז אן אָנשטעל**

**אזוי** אויך איז געווען שפעטער ביים אויפשטעלן דעם משכן, אז משה רבינו האט געשפירט אין די קרשים אזא גרויסן אור פון דער אמונה פון אידישע קינדער - אז **אלעס** טוט דער אייבערשטער, אז ער האט געזאגט פארן אייבערשטן: "**איך** קען עס נישט אויפשטעלן! ווייל וואס קען דען א מענטש טון **אליין**?!". האט אים דער אייבערשטער געזאגט: "**עסוק אתה בידך נראה כמקימו והוא נזקף וקם מאליו**". מיט דעם האט אים דער אייבערשטער אויסגעלערנט א כלל: "אזוי איז עס אלעמאל! א מענטש **אליין** קען **קיינמאל** גארנישט טון! עס איז א בחינה פון '**תֵּעָשֶׂה**', אלעס וואס ער טוט כסדר איז נאר אן אָנשטעל וואס עס זעט אויס **כאילו** ער טוט - אבער אינ'אמת'ן טוט אלעס דער אייבערשטער!".

**שבת און משכן זענעןביידע 'גמר שמים וארץ'**

**דער** זרע קודש ברענגט צו א מדרש (ילקוט ח"א תי"ט), אז דער גאנצער משכן איז געווען אויסגערעכנט אנטקעגן מעשה בראשית, און מיטן הקמת המשכן איז פארטיג געווארן די בריאה. ווייל די **תכלית הבריאה** איז געווען אז עס זאל זיין פארן אייבערשטן א 'דירה בתחתונים'. דאס איז ענליכע לשונות צו דאס וואס עס שטייט אויף שבת, 'תכלית שמים וארץ', אז דעמאלט איז געווארן פארטיג די בריאה; ווי עס שטייט (בראשית ב, א): "**ויכולו השמים והארץ וכל צבאם**". ווייל די ביידע זאכן - שבת און הקמת המשכן - ווייזן אויף א שטארקע אמונה, וואס דאס איז די גאנצע תכלית פון בריאת שמים וארץ; ווי עס שטייט (תהלים לג, ד): "**וכל מעשהו באמונה**".

**הוה אמינא: די משכן ברענגט אמונה - אָן שבת**

**מיט** דעם פארשטייט מען שוין פארוואס די תורה האט געמוזט אויסשמועסן, אז 'מלאכת המשכן' איז נישט דוחה שבת. ווייל עס וואלט דאך געווען א הוה אמינא צו זאגן, אז עס זאל יא דוחה זיין שבת. ווייל דער גאנצער שבת איז דאך צו ווייזן אויף אמונה, און דא בויעט מען דאך א משכן וואס האט אזא גרויסע השפעה פון אמונה - אזוי ווייט, אז בצלאל ווערט געוואויר דורכדעם די אלע אותיות און צירופים מיט וואס דער אייבערשטער האט באשאפן די וועלט - ממילא, וואלט געווען א הוה אמינא צו זאגן, אז **אזא** משכן, מעג מען

אויך בויען אום שבת, ווייל מען באקומט דאך שוין די אמונה דורכן משכן, דערפאר דארף אונז די תורה לאזן הערן, אז ניין! מלאכת המשכן איז נישט דוחה שבת.

**'שבת' איז א העכערע בחינה ווי' משכן' – דער מענטש טוט 'גארנישט'**

**און** די סיבה פארוואס טאקע איז בנין המשכן נישט דוחה שבת, קען אפשר זיין. ווייל כאטש וואס דער משכן האט געהאט א געוואלדיגן כח פון אמונה אין 'בריאת שמים וארץ', אז א מענטש קען גארנישט טון **אליינס**, און אלע הצלחות פון זיינע **פעולות** קומט נאר פונם אייבערשטען, אין דער בחינה פון 'תֵּעָשֶׂה', אבער נאך אלעם, האט מען דאך געדארפט 'בויען' א משכן, קען דאך נאכאלץ אויסזען, אז די ברכה קען נאר ארויסקומען דוקא דורך דעם צינור, פון דער **פעולה** וואס איז געטון געווארן 'בסייעתא דשמיא'. אבער שבת איז נאך א העכערע אמונה, ווייל שבת שיקט דאך דער אייבערשטער די ברכה - אָן קיין שום פעולה! בלויז מיט דעם וואס דער אייבערשטער **וויל** משפיע זיין - ווערט מען שוין געבענטשט! און פון דארט קומט גאר די ברכה צו אלע אנדערע טעג. דאס הייסט, אז דער שבת לערנט אונז, אז אפילו נאכדעם וואס דער אייבערשטער העלפט אונז טון און מצליח זיין מיט די אלע פעולות וואס מיר טוען - **מוז** בכלל נישט קומען די השפעה דורך **דעם** צינור, נאר דער אייבערשטער קען עס שיקן דורך אנדערע וועגן! און אסאך מאל טוט דער מענטש השתדלות אין איין פלאץ, און די ישועה קומט גאר פון א צווייטן פלאץ. און דעריבער, כאטש דער משכן האט געהאט א געוואלדיגע בחינה פון אמונה, מוז מען אבער היטן שבת, ווייל שמירת שבת איז נאך א העכערע בחינה פון אמונה.

**מיר האבן נישט קיין משכן – אבער דעם שבת האבן מיר נאך**

**קומט** אויס, אז אפילו היינט וואס אונז זענען מיר נעבעך אין גלות און אונז האבן מיר נישט קיין בית המקדש, האבן מיר אבער דעם שבת קודש, וואס דאס ברענגט אונז אריין די אמונה אינעם גאנצן בריאת שמים וארץ, אז יעדע רגע איז דער אייבערשטער נאכאמאל מחדש די גאנצע בריאה, און דאס איז דער יסוד פונעם כלל ישראל.

**מען** קען אפשר טייטשן דעם '**אֵלֶּה הַדְּבָרִים אֲשֶׁר צִוָּה ה' לַעֲשֹׂת אֹתָם**' מיט די זעלבע הקדמות ווי אויבנדערמאנט, נאר אויף אביסל אן אנדערען אופן.

#### 'משכן כללי' און 'משכן פרטי'

**עס** איז באקאנט דער מאמר[א]: "**ושכנתי בתוכם, בתוכו לא נאמר אלא בתוכם**" - אז דער 'ושכנתי בתוכם' גייט ארויף אויף יעדן איד בפרטיות, אז דער אייבערשטער רוהט אינעווייניג **אין אים**. קומט אויס, אז חוץ פונעם ציווי וואס דער אייבערשטער הייסט דא צו בויען א 'משכן כללי' פאר גאנץ כלל ישראל, ליגט דא אויך א ציווי פאר יעדן יחיד באזונדער, אז ער זאל ביי **זיך** בויען א 'משכן פרטי' וואו דער אייבערשטער זאל רוען אין אים.

#### וויאזוי בויעט מען דעם 'משכן פרטי'?

**אבער** לכאורה דארף מען פארשטיין, מילא וויאזוי מען בויעט דעם 'משכן כללי', שטייט ארויסגעשריבן קלאר די אלע פרשיות וואס זענען מסביר פונקטליך וויאזוי מען בויעט די קרשים און יריעות, און וויאזוי מען בויעט אלע כלים און אזוי ווייטער. אבער וויאזוי בויעט מען דעם 'משכן פרטי'? מען איז מחייב יעדן יחיד צו מאכן א משכן אין זיין הארץ פארן אייבערשטן, און עס שטייט גארנישט **וויאזוי** מען בויעט דאס?

#### שוכן בתוך טומאותם – חסרון אמונה איז 'יא' מעכב

**נאר** עס קען זיין, אז דער עיקר יסוד וויאזוי מען בויעט אויף דעם 'משכן הפרטי' איז 'אמונה'. ווייל באמת שטייט דאך אין פסוק (ויקרא טז, טז): "הַשֹּׁכֵן אִתָּם בְּתוֹךְ טֻמְאֹתָם" - דער אייבערשטער רוהט מיט א איד אין יעדן מצב! אפילו אויב ער פאלט חלילה דורך און ער איז 'בתוך טומאה', דאך איז נאכאלץ דא א השראת השכינה אינעם 'משכן הפרטי' פון א איד. אבער איין זאך וואס דאס איז יא מעכב די השראת השכינה, וואס אויב חלילה דאס פעלט - דעמאלט איז מען

---

א מובא בספר עץ הדעת טוב (מהרח"ו) פרשת כי תשא, ובשל"ה הקדוש שער האותיות - ערך לב טוב.

'אויס איד' רחמנא ליצלן; דאס איז דער ענין פון 'אמונה'! ווייל טאמער מען איז כופר חלילה אין איינע פון די עקרי אמונה, איז מען נישט אינעם גדר פון כלל ישראל, און עס איז נישטא דעמאלט דער 'השוכן אתם בתוך טומאותם'.

#### חילול שבת בפרהסיא איז אויך מעכב

**די** מצוה פון 'שמירת שבת' איז דאך א שטיק אמונה; ווי מען האט שוין אויבן מאריך געווען. דערפאר זעט מען טאקע די הלכה אין שולחן ערוך (יו"ד סי' קיט, ז), אז אויף קיין שום עבירה וואס א מענטש איז עובר - ווערט ער נאכנישט קיין 'מומר לכל התורה', חוץ פון 'שמירת שבת', וואס אויב א מענטש איז חלילה מחלל שבת בפרהסיא - איז ער א 'מומר לכל התורה כולה'. ווייל שבת איז אמונה, און אויב א מענטש היט נישט קיין שבת, האט ער געוויזן דערמיט אז ער האט נישט קיין אמונה, און ממילא איז ער 'אויס איד' רחמנא ליצלן.

#### שמירת שבת מאכט אים פאר א 'איד' און ער האט א 'משכן הפרטי'

**מכלל** לאו אתה שומע הן. דער עיקר וואס א איד דארף טון, כדי צו בויען דעם 'משכן הפרטי', אז דער אייבערשטער זאל רוען אין אים - איז היטן שבת און האבן 'אמונה'! ווייל דורכדעם וואס ער היט שבת און האט אמונה אין די אלע י"ג עקרים - אפילו אויב ער דארף נאך תשובה טון אויף אלץ וואס טויג נישט - איז ער אבער א איד! דער אייבערשטער איז שוכן ביי אים 'בתוך טומאותם'! און דערפאר זאגט דער מדרש: **"שמרו את השבת שהיא שקולה כנגד כל התורה"** - דער שבת איז חשוב ווי די גאנצע תורה, ווייל איינמאל א מענטש האט שוין אמונה, איז ער שוין א 'משכן הפרטי' פארן אייבערשטן.

#### די אמונה אז דער אייבערשטער האט באשאפן די וועלט - דאס בויעט דעם 'משכן הפרטי'

**מען** קען זאגן, אז פונקט ווי ביים 'משכן הכללי' שטייט: **"יודע היה בצלאל לצרף אותיות שבו נבראו שמים וארץ"** - אז בצלאל האט געוואוסט די סודות פון בריאת העולם, און דורכדעם האט ער געקענט מאכן דעם משכן. די זעלבע זאך איז ביים 'משכן הפרטי', נאר נישט אויף אן אופן פון 'השגה' - נאר אויף אן אופן פון 'אמונה', אז דורכדעם וואס א איד גלייבט אז דער אייבערשטער האט באשאפן די וועלט, און אז ער פירט אלעס און איז משגיח בהשגחה פרטית

אויף אלעס - דורכדעם שטעלט ער אויף א 'משכן הפרטי' ביי זיך אין הארץ פאר השראת השכינה.

משה רבינו האט מקדים געווען 'משכן הפרטי' בעפאר 'משכן הכללי'

**מיט** דעם פארשטייט מען זייער גוט די פסוקים: "**וַיַּקְהֵל מֹשֶׁה וגו' אֵלֶּה הַדְּבָרִים אֲשֶׁר צִוָּה ה' לַעֲשֹׂת אֹתָם**" - דאס גייט ארויף אויף דער 'עשיה' פונעם 'משכן הפרטי', וואס דער אייבערשטער האט געהייסן, אז יעדער איד זאל בויען אין זיין הארץ א משכן פארן אייבערשטן. און וויאזוי בויעט מען דעם משכן הפרטי? אויף דעם זאגט ער ווייטער: "**שֵׁשֶׁת יָמִים תֵּעָשֶׂה מְלָאכָה וּבַיּוֹם הַשְּׁבִיעִי יִהְיֶה לָכֶם קֹדֶשׁ שַׁבַּת שַׁבָּתוֹן לַה'**" - דורכדעם וואס עטץ וועט היטן שבת, וואס דאס איז 'אמונה', דורכדעם וועט דער אייבערשטער רוען אין אייער הארץ. און ערשט נאכדעם זאגט ער א נייע ציווי: "**זֶה הַדָּבָר אֲשֶׁר צִוָּה ה' לֵאמֹר קְחוּ מֵאִתְּכֶם תְּרוּמָה לַה' וגו'**", דא הייבט ער אָן צו רעדן פונעם 'משכן הכללי' און וויאזוי מען זאל דאס בויען.

## דברי כיבושין

**בעוונותינו** הרבים, אז מיר האבן מיר נישט היינט דעם בית המקדש, און במילא וויאזוי קען מען עפעס זוכה זיין צו עפעס השראת השכינה?

**אבער** לויט ווי מיר זאגן מיר, אז דער עיקר איז געווען די 'תשוקה', די תשוקה פון אידן דארט ליגט השראת השכינה! און במילא [איז] פארקערט לכאורה, [אז] וואס מער [נידריגער] אידן זענען אין גלות, וואס מער [עס איז] נעבעך דער הסתר פנים, און וואס מער די נסיונות זענען, און ווי ווייט עס איז נעבעך א חשכות וואס האט נישט קיין שיעור [וואס עס איז נאכנישט געווען אזוינס] מעולם; [אבער] אז דארט איז דא א קרעכץ פון א איד, און אז עס איז דא א תשוקה פון א איד - האבן מיר נישט קיין השגה ווי ווייט דאס איז גרויס! דארט קומט 'ושכנתי בלב כל אחד ואחד'! ווי יעדער אידיש קינד קען זוכה זיין צו השראת השכינה, [און] היינט [קען מען] אפשר נאכמער ווי אלעמאל.

**זאל** דער אויבערשטער העלפן, זאל מען זוכה זיין זיך צו האלטן ביי די אמונה שלימה און ביי א תשוקה שלימה, זאל מען זוכה זיין צו 'השראת השכינה', און מקבל זיין די הייליגע ימים טובים הבאים לקראתינו לשלום מיט נחת והרחבה, ברוחניות ובגשמיות, זאל מען זוכה זיין צו די גאולה שלימה במהרה בימינו, אמן.

וַיַּקְהֵל מֹשֶׁה וגו' אֵלֶּה הַדְּבָרִים אֲשֶׁר צִוָּה ה' לַעֲשֹׂת אֹתָם. שֵׁשֶׁת יָמִים תֵּעָשֶׂה מְלָאכָה וּבַיּוֹם הַשְּׁבִיעִי יִהְיֶה לָכֶם קֹדֶשׁ וגו'. וַיֹּאמֶר מֹשֶׁה וגו' זֶה הַדָּבָר אֲשֶׁר צִוָּה ה' לֵאמֹר קְחוּ מֵאִתְּכֶם תְּרוּמָה לַה' וגו'.

**א)** דער חתם סופר (ד"ה אלה הדברים) שטעלט זיך דא, פארוואס ביים ערשטן ציווי - וואס גייט בפשטות ארויף אויף שבת - שטייט: **אֲשֶׁר צִוָּה ה' לַעֲשֹׂת** - א לשון 'עשיה', און ביים צווייטן ציווי - וואס גייט ארויף אויפן מלאכת המשכן - שטייט: **אֲשֶׁר צִוָּה ה' לֵאמֹר** - א לשון 'אמירה'. לכאורה וואלט געדארפט זיין פארקערט, ביי שבת וואס די מצוה איז 'שביתה', **נישט** צו טון א מלאכה זאל שטיין א לשון פון 'אמירה', און ביים משכן וואס דאס איז דאך א מצוה וואס מען דארף צו טון זאל שטיין א לשון פון ' 'עשיה'?

**ב)** בכלל איז שווער, ווי קומט דא אריין דער ענין פון שבת צום מלאכת המשכן? כאטש וואס רש"י זאגט, אז דאס קומט צו זאגן, אז 'מלאכת המשכן' איז נישט דוחה שבת, אבער אויף דעם איז דאך אויך שווער, פארוואס זאל איך דען האבן א הוה אמינא אז עס איז יא דוחה? ממילא, איז דאך הדרא קושיא לדוכתיה, וואס איז דער שייכות פון שבת צו משכן?

**ג)** דער זרע קודש ברענגט צו א **מדרש** (ילקוט ח"א תי"ט), אז מיטן הקמת המשכן איז פארטיג געווארן די 'בריאת שמים וארץ'. דארף מען צו פארשטיין פשט אין דעם?

**ד)** ווייטער שטייט (לה ל): **"וַיֹּאמֶר מֹשֶׁה אֶל בְּנֵי יִשְׂרָאֵל רְאוּ קָרָא ה' בְּשֵׁם בְּצַלְאֵל בֶּן אוּרִי בֶן חוּר לְמַטֵּה יְהוּדָה"**. שטעלט דער

מדרש (תנחומא ויקהל ד) דא צו דעם פסוק (ישעיה מ, כה): "**וְאֶל מִי תְדַמְּיוּנִי וְאֶשְׁוֶה יֹאמַר קָדוֹשׁ**" - דער הייליגער באשעפער פרעגט: צו וועמען ווילט איר מיר צוגלייכן, און איך וועל טאקע זיין גלייך ווי אים. דארף מען פארשטיין וואו קומט דא אהער דער ענין?

**דעת הפילוסופים: רם ה' - דער אייבערשטער קוקט זיך נישט אום אויף די תחתונים רח"ל**

**נאר** עס קען אפשר זיין אזוי. דער עבודת ישראל רעדט ארום באריכות אויף עטליכע פלעצער (לשבת זכור ד"ה ואגב נבאר, ועוד), אז די אלע פיליזאפן און פארצייטישע אפיקורסים, האבן געגלייבט אינעם עצם מציאות ה', און אויך אז דער אייבערשטער האט באשאפן די וועלט, נאר זיי האבן גע'טענה'ט א דעה כוזבת, אז **רם ה'**, דער אייבערשטער איז זייער גרויס, און עס פאסט נישט אז **ער** אליינס זאל זיך אפגעבן מיט די מעשה התחתונים, און דערפאר האט ער איבערגעגעבן די גאנצע הנהגה פון דער וועלט צו די מלאכים און מזלות, אז זיי זאלן דאס פירן עפ"ל. און מיט דער השקפה ווילן זיי אויסרייסן די גאנצע תורה און מצוות, וויבאלד עס אינטערעסירט נישט פארן אייבערשטן וואס דער מענטש טוט רח"ל.

**פארן 'אין סוף' ב"ה איז מעלה און מטה די זעלבע**

**אבער** דער יסוד האמונה וואס א איד דארף גלייבן איז - זאגט דער עבודת ישראל - אז כאטש דער אייבערשטער איז טאקע זייער גרויס, דאך איז ער משגיח בעליונים און בתחתונים, און ער פירט אלעס. און פארקערט, אונזער אמונה קומט פון אסאך א גרעסערע השגה אין גדלות ה', וואס מיר גלייבן אז דער אייבערשטער איז אזוי גרויס, ער איז 'אין סוף', און פאר אים איז די זעלבע 'השפלה' צו משגיח זיין אויפן מלאך מיכאל, ווי צו משגיח זיין אויף א בשר ודם אינעם עולם השפל! דער מלאך מיכאל איז דאך אויך 'אין ואפס' כלפי דעם אין סוף ברוך הוא! ביים 'אין סוף' איז דאך נישטא קיין אויבן און קיין אונטן, עס איז אלעס בלי גבול! נאר וואס דען? דער רצון ה' איז זיך אראפצולאזן און משגיח זיין אויף זיינע ברואים! נו אויב אזוי, איז דאך נישט קיין חילוק צווישן אויבן און אונטן, און פונקט ווי ער איז משגיח אויף די עולמות העליונים, איז ער אויך משגיח אויפן עולם התחתון.

**דער אייבערשטער וויל מקבל זיין נחת רוח פון די תחתונים**

**וויבאלד** אידן גלייבן אין 'השגחה בתחתונים', דעריבער גלייבן זיי אויך אין תורה און מצוות, ווייל עס איז 'הא בהא תליא', אז פונקט ווי דער אייבערשטער איז משגיח בתחתונים - ווייל אזוי וויל ער - אזוי איז ער אויך מקבל א נחת רוח פון די מצוות און מעשים טובים פון די 'יושבי בתי חומר' - ווייל אזוי וויל ער! און פארקערט, פאר דעם תכלית האט ער גאר באשאפן די גאנצע בריאה, כדי צו האבן א נחת רוח פון אידישע קינדער; ווי די גמרא זאגט (ברכות ו): **"כי זה כל האדם, אמר הקדוש ברוך הוא, כל העולם כולו לא נברא אלא בשביל זה"**.

**דער משכן איז געווען די גרעסטע גילוי אויף 'השגחה בתחתונים'**

**וואו** איז ארויסקומען אויפן שטארקסטן אופן די אמונה, אז דער אייבערשטער איז **יא** משגיח בתחתונים און ער האט א נחת רוח פון די תחתונים? דאס איז ארויסגעקומען ביים משכן, וואס דער אייבערשטער האט געזאגט: "ועשו לי מקדש ושכנתי בתוכם" - בויעט מיר א משכן און איך וועל קומען וואוינען צווישן אייך! איך וועל אראפקומען צו די תחתונים און דארטן רוען! עס איז נישט קיין **גרעסערע** 'השפלה' פאר מיר צו רוען אינעם עולם השפל, ווי צו רוען אינעם עולם האצילות! עס איז אלעס די זעלבע שפלות, אבער דאס איז מיין רצון!".

**דער משכן האט צוגעענדיגט די גאנצע בריאה**

**מיט** דעם פארשטייט מען דעם מדרש וואס דער זרע קודש ברענגט, אז דורכן משכן איז פארטיג געווארן בריאת העולם. ווייל אויף בריאת העולם איז דאך יעדער מודה אז דער אייבערשטער האט באשאפן די גאנצע וועלט, אבער דאס אז ער איז **ווייטער** כסדר משגיח אויף דער וועלט, דאס זעט מען נישט, און אויף דעם זענען שוין געווען די אפיקורסים וועלכע האבן געלייקנט אין דעם רח"ל. קומט אויס, אז עס איז געווען א 'חסרון' אין גאנץ בריאת העולם, אז מען קען זיי נישט אויפווייזן אז דער אייבערשטער איז ווייטער משגיח בתחתונים. אבער יעצט ווען דער אייבערשטער איז געקומען און משרה געווען שכינתו אין דעם משכן, איז נתגלה געווארן קלאר,

אז דער אייבערשטער רוהט **אויך** בתחתונים, ממילא איז די גאנצע בריאה נשלם געווארן מיט די ריכטיגע יסודות האמונה.

**דער גאנצער עולם העשיה ווערט כסדר מושגח פונעם אין סוף ברוך הוא!**

**ווען** משה רבינו איז געקומען הייסן אויף מלאכת המשכן, האט ער חושש געווען אז אידן וועלן האבן קושיות: "ווי איז דען מעגליך אז דער אייבערשטער קומט רוען בתחתונים?" און צוליב דעם וועלן זיי חלילה טראכטן א מחשבה פון שתי רשויות, אז דער וואס איז אויבן - איז נישט אונטן, און דער וואס איז אונטן - איז נישט אויבן רחמנא ליצלן מהאי דעתא. דעריבער האט משה רבינו מקדים געווען: "**אֵלֶּה הַדְּבָרִים**" - די אלע ברואים וואס ענק זעען דא אויף דעם עולם השפל, "**אֲשֶׁר צִוָּה ה'**" - דאס אלעס האט דער אייבערשטער געהייסן אז זיי זאלן דא זיין! '**לַעֲשֹׂת אֹתָם**' - ער איז דער וואס האט דאס **געמאכט** און איז עס מהוה און מחיה יעדע רגע! און דעריבער נוצט ער דעם לשון '**לעשות**' און נישט '**לאמר**', ווייל ער רעדט נישט דא פון א ציווי, נאר פון די בריאה! אז דער גאנצער 'עולם העשיה', דאס אלעס האט דער אייבערשטער געהייסן אז עס זאל זיך טון!

**און** דערנאך האט ער נאכמער אויסגעשמועסט: "**שֵׁשֶׁת יָמִים תֵּעָשֶׂה מְלָאכָה וּבַיּוֹם הַשְּׁבִיעִי יִהְיֶה לָכֶם קֹדֶשׁ**" - דא רעדט צו אייך דער זעלבער באשעפער וואס האט אייך געהייסן היטן שבת, ווייל ער האט באשאפן די גאנצע וועלט אין זעקס טעג - וואס אין דעם גלייבן דאך אויך די פיליזאפן. און דער זעלבער באשעפער האט געהייסן: "**קְחוּ מֵאִתְּכֶם תְּרוּמָה לַה' כֹּל נְדִיב לִבּוֹ יְבִיאֶהָ**" - אז מען זאל אים מאכן א משכן! ווייל ער וויל רוען צווישן מענטשן! זאגט נישט, אז עס פאסט נישט פאר אים צו רוען אונטן, ווייל דאס איז אפיקורסות! דער אייבערשטער איז 'אין סוף' און אויבן און אונטן איז די זעלבע פאר אים!



**קדוש מיינט: ער איז דערהויבן 'מצד עצמותו'**

**קומט** אויס, אז ווען מיר זאגן יעדן טאג "**קדוש קדוש קדוש**" - אז דער אייבערשטער איז הייליג און אפגעשיידט, מיינט דאס נישט חס ושלום צו זאגן, אז ער איז אפגעשיידט פון אונזער וועלט און ער רוהט **נאר** אויבן אין די עולמות העליונים, ווייל דאס איז אפיקורסות.

נאר 'קדוש' מיינט צו זאגן, אז ער **מצד עצמותו** איז דערהויבן פון אלע נבראים, און ער האט נישט קיין שייכות צו זיי מצד עצמותו. אבער ער לאזט זיך אראפ, ער איז משגיח און רוהט אויבן און אונטן און איבעראל אייניג.

**בלויז א איד וואס גלייבט אין 'השגחה בתחתונים' מעג זאגן 'קדוש'**

**מיט** דעם פארשטייט מען דעם מדרש. די תורה הייבט אן: "**רְאוּ קָרָא ה' בְּשֵׁם בְּצַלְאֵל וגו'**". נאכן ברענגען די 'נדבת המשכן', גייט מען שוין צוטרעטן צום עצם בנין המשכן בפועל, קען זיך דאך ארייננכאפן א מחשבה אין א איד: "ווי קען זיין אז דער גרויסער 'קדוש', דער הייליגער באשעפער אליינס, וועט טאקע ממש רוען בתחתונים?". דערפאר ברענגט דער מדרש דעם פסוק: "**וְאֶל מִי תְדַמְּיוּנִי וְאֶשְׁוֶה יֹאמַר קָדוֹשׁ**" - מען קען מיך דאך סייווי נישט מדמה זיין צו קיינעם, אז איך זאל ווערן 'שוה בשוה'! אפילו מיטן גרעסטן מלאך און מיטן גרעסטן עולם - בין איך אויך נישט 'שוה', ווייל קעגן מיר איז אלעס 'אין ואפס'! ממילא, פונקט ווי איך בין זיך משפיל משגיח צו זיין 'בעליונים' אזוי אויך, קום איך יעצט רוען 'בתחתונים'.

**און** דער פסוק פירט אויס: **יֹאמַר קָדוֹשׁ** - נאר אזא איינער וועלכער ווייסט, אז עס איז נישטא קיין דמיון און צוגלייך צו מיר - נאר דער מעג זאגן אויף מיר 'קָדוֹשׁ'! ווייל ווען דער גוי זאגט אויף מיר 'קדוש' - איז עס אפיקורסות! ווייל ביי אים מיינט 'קדוש', אז איך בין הויך און איך קוק זיך נישט אום אויף דער נידריגער וועלט, און פון דעם קומען זיי צו א כפירה בכל התורה כולה. אבער א איד וואס ווייסט אז מען קען מיך סייווי נישט צושטעלן צו קיין שום דמיון, און איבעראל איז די זעלבע השפלה, און דאס איז מיין רצון זיך משפיל צו זיין בשמים ובארץ - דער קען זאגן קָדוֹשׁ!

**דער** אייבערשטער זאל העלפן, אונז זאלן מיר זוכה זיין צו לעבן מיט אמונה שלימה, און וויסן אז דער אייבערשטער איז משגיח בהשגחה פרטית אויף אלע אונזערע מעשים, און ער האט א נחת רוח פון יעדע פעולה וואס א איד טוט, אפילו א קלייניקייט. וואס ווען מען גלייבט אין דעם באמת, באקומט מען דאך יראת שמים און אהבת ה'. און מיר זאלן מיר זוכה זיין צו די גאולה שלימה במהרה בימינו, אמן.

# לשבת שקלים

**כִּי תִשָּׂא אֶת רֹאשׁ בְּנֵי יִשְׂרָאֵל לִפְקֻדֵיהֶם וְנָתְנוּ אִישׁ כֹּפֶר נַפְשׁוֹ וגו'. זֶה יִתְּנוּ כָּל הָעֹבֵר עַל הַפְּקֻדִים מַחֲצִית הַשֶּׁקֶל בְּשֶׁקֶל הַקֹּדֶשׁ וגו' הֶעָשִׁיר לֹא יַרְבֶּה וְהַדַּל לֹא יַמְעִיט וגו'.**

**א)** די ספרים (קדושת לוי פר' כי תשא, ועוד) **שטעלן זיך אויפן ענין פון מחצית השקל:** געוועגליך גיבט דאך די תורה **גאנצע** שיעורים אויף יעדע זאך, פארוואס דא האט די תורה געגעבן א שיעור פון 'מחצית'?

**ב)** אויך דארף מען פארשטיין: פארוואס טאקע טאר דער עושר נישט געבן מער? וואס שטערט דאס אז ער איז מרבה לויט זיין רצון הטוב?

**ג)** די גמרא זאגט (מגילה יג:): **"גלוי וידוע לפני מי שאמר והיה העולם שעתיד המן לשקול שקלים על ישראל לפיכך הקדים שקליהן לשקליו"** - דער אייבערשטער האט געוואוסט אז המן וועט אפוועגן פאר אחשורוש צען טויזנט ככר כסף, כדי צו גוזר זיין די גזירת כליה אויף אידן, דעריבער האט דער אייבערשטער מקדים געווען די שקלים פון אידן - זייענדיג אין מדבר - נאך איידער זיינע שקלים. לכאורה דארף מען פארשטיין: דער לשון 'הקדים' פאסט זיך ביי צוויי מענטשן וואס לעבן אין דער זעלבער תקופה, און איינער איז זיך מקדים צו טון עפעס פארן צווייטן. אבער דא רעדט מען דאך פון די שקלים וואס אידן האבן געגעבן פארן משכן, וואס דאס איז געווען בערך טויזנט יאר פאר המן. נו, ווי פאסט זיך דא דער ענין פון 'הקדים'?

**ד)** אויך דארף מען פארשטיין: וואספארא צושטעל זענען זייערע שקלים - וועלכע איז בלויז א 'מחצית השקל' - צו זיינע שקלים וואס זענען אזא גרויס פארמעגן עשרת אלפים ככר כסף? אויב האט דער אייבערשטער געוואלט איבערוועגן זיינע שקלים, וואלט ער געדארפט הייסן 'ליידיגט אייך אויס די טאשן און גיבט וואס מער', כדי עס זאל אנקומען צו גרויסע סכומים? אבער דא אז

דער פסוק זאגט: "העשיר לא ירבה", מען טאר נישט געבן מער ווי א מחצית השקל, נו, ווי קען דאס איבערוועגן זיינע צען טויזנט ככר כסף?

**ה)** די גמרא פארציילט (מגילה טז.): **"ויקח המן את הלבוש ואת הסוס, אזל אשכחיה דיתבי רבנן קמיה אמר להו במאי עסקיתו, אמרו ליה בזמן שבית המקדש קיים מאן דמנדב מנחה מייתי מלי קומציה דסולתא ומתכפר ליה, אמר להו אתא מלי קומצי קמחא דידכו ודחי עשרה אלפי ככרי כספא דידי"** - ווען המן איז געקומען ארומפירן מרדכי'ן אין שטאט, האט מרדכי געלערנט הלכות קמיצה (וואס מען נעמט אראפ א קומץ מעהל פון דער מנחה), האט המן געזאגט: "ענקער קומץ מעהל איז געקומען און אוועקגעשטופט מיינע צען טויזנט זילבערנע ככר". דארף מען פארשטיין דעם ענין: וואס ליגט דא אזא כח דוקא אין דער מצוה פון 'קומץ'?

**ו)** אויך איז שווער, אז לכאורה איז דאך דא א סתירה, אויבן זאגט די גמרא אז דער מחצית השקל האט עס אוועקגעשטופט, און דא זאגט די גמרא אז דער 'קומץ' האט עס אוועקגעשטופט?

**ז)** די גמרא זאגט (מגילה יב.): **"מפני מה נתחייבו שונאיהן של ישראל שבאותו הדור כליה וכו' מפני שהשתחוו לצלם, אמרו לו וכי משוא פנים יש בדבר אמר להם הם לא עשו אלא לפָנים אף הקדוש ברוך הוא לא עשה עמהן אלא לפָנים"** - כלל ישראל האט געהאט געזינדיגט מיט דעם וואס זיי האבן זיך געבוקט צום צלם פון נבוכדנצר, און דערפאר איז געווען אויף זיי אזא שרעקליכע גזירה, אבער וויבאלד זיי האבן עס נישט געמיינט אמת'דיג, נאר זיי האבן עס געטון 'לפָנים' - אויסערליך, דערפאר איז די גזירה אויך נאר געווען 'לפָנים', און עס איז בטל געווארן. לכאורה איז שווער: אויב זיך בוקן צום צלם 'לפָנים' איז **נישט** קיין חטא, נו, פארוואס איז בכלל געווען א גזירה? און אויב איז עס **יא** א חטא, נו, וויאזוי איז די גזירה בטל געווארן?

#### דער גוי פארשטייט נאר צו 'ריבוי הכמות'

**עס** קען אפשר זיין אזוי. מען האט שוין גערעדט אמאל, פונעם חילוק צווישן די אומות העולם און כלל ישראל אינעם ענין פון 'כמות'

און 'איכות'. אז די אומות העולם, אפילו ווען זיי ווילן טון עפעס פארן אייבערשטן, קוקן זיי אויף 'חיצוניות', און ממילא זוכן זיי צוצושטעלן א 'ריבוי הכמות', צו טון **אסאך** עבודות.

**א איד ווייסט אז דער עיקר איז 'ריבוי האיכות'**

**אבער** א איד ווייסט אז דער אייבערשטער איז 'אין סוף', און לגבי כביכול איז נישט שייך צו צושטעלן א 'ריבוי הכמות', און דעריבער קוקט ער נאר אויפן 'פנימיות', און ער שטעלט צו א 'ריבוי האיכות', ער שטעלט צו מער כונה און מער הארץ אין עבודת ה'.

**דער חילוק שטעלט זיך ארויס אין 'עבודת המדות'**

**איינע** פון די פלעצער וואו עס קומט ארויס דער חילוק צווישן עבודת ה' בכמות אדער באיכות, איז אינעם ענין פון 'מדות שבורות' - וואס דער זרע קודש (פ' חיי ד"ה במדרש, ועוד בכ"מ) רעדט דערפון אסאך. דאס הייסט, אז דער גוי וואס ביי אים איז אלעס 'כמות', וועט גיין עקסטרעם מיט דער **איין** מדה - וואס אים שמעקט, און ער וועט נישט קוקן צי עס איז טאקע אויסגעהאלטן צו גיין מיט דער מדה **אזוי** ווייט. ווידעראום, דער איד, וועט אלעמאל טראכטן וואס איז דער רצון ה', און ער וועט צוברעכן די מדות, אמאל וועט ער גיין מיט מדת החסד, און אמאל מיט מדת הגבורה.

**מחצית השקל - דינען דעם אייבערשטן מיט האלבע מדות, לויטן רצון ה'**

**עס** קען אפשר זיין, אז דאס איז דער טעם פארוואס מען מוז געבן דוקא א 'מחצית השקל', "**העשיר לא ירבה**", ווייל די תורה וויל ווייזן פאר א איד דעם חשיבות פון 'איכות', אז ווען עס קומט צו עבודת ה', איז דער עיקר חשיבות דוקא דער ענין פון 'האלב', פון 'מדות שבורות', וואס דער מענטש **וויל** גיין מיט איין מדה בשלימות, אבער ער צוברעכט זיך זיין טבע און זיין מדה, און ער פירט זיך נאר לויטן רצון ה'! ער גייט מיט **דער** מדה - נאר ווילאנג עס איז אויסגעהאלטן, און איינמאל עס איז שוין צופיל - גייט ער מיט די פארקערטע מדה. און דערפאר זאגט די תורה: "**העשיר לא ירבה**" - דער עיקר עבודה פונעם מחצית השקל איז, אז דער עושר וועלכער וויל געבן מער - טאר נישט געבן מער! ער מוז זיך צוברעכן זיין מדת הנדיבות! ער מוז טאקע געבן אביסל, אבער אינמיטן מוז ער זיך

אפשטעלן און אויפהערן געבן, וויבאלד יעצט איז דער רצון ה׳ אז ער זאל נישט געבן.

#### די געפיל צו א צווייטן איד – כח האיכות

**דער** גאנצער ענין פון ׳אהבת ישראל׳ און ׳אחדות׳ - וואס איין איד האט ליב דעם צווייטן איד, ער ווייטאגט מיט יענעמס צרה ל״ע און פריידט זיך מיט יענעמס שמחה - דאס איז אלעס אן ענין פון ׳איכות׳. ווייל דאס איז דאך נישט קיין ׳מעשים׳ וואס ער טוט בחיצוניות, נאר עס איז א פנימיות׳דיגע זאך אין הארץ, וואס ער איז באחדות און בידידות מיט א צווייטן איד. און דערפאר איז טאקע נישטא אזא זאך ביי גוים; ווי דער זוהר הק׳ זאגט (תיקו״ז כב.): ״כל חסד דעבדין לגרמיהו הוא דעבדין״ - אויב דער גוי טוט שוין **יא** א טובה פארן חבר, מיינט ער בלויז זיך. ווייל ער ארבעט נישט אויפן ׳איכות׳ יענעם ליב צו האבן, און צו טראכטן און מיטפילן מיט יענעם.

#### מחצית השקל – איך בין נאר א האלב פון מיין חבר

**מיט** דעם שטעלט זיך צוזאם דער ענין פון ׳מדות שבורות׳, וועלכע איז מרומז אינעם מחצית השקל - צוזאמען מיטן רמז וואס אלע ספרים זאגן (רבינו בחיי ואלשיך הק׳ פרשת כי תשא, ועוד), אז ׳מחצית השקל׳ ווייזט אויף ׳אחדות ישראל׳, אז קיינער האט נישט קיין שלימות אן דעם חבר! יעדער איינער פאר זיך איז בלויז א האלב, און נאר דורכן חבר ווערט ער א גאנצער שקל! וואס די ביידע זאכן - סיי מדות שבורות און סיי ׳אחדות׳ - קומען פונעם זעלבן שורש, פון דער ענין פון דינען דעם אייבערשטען מיט ׳איכות׳.

#### המן וויל אויסקויפן כלל ישראל מיט ׳אסאך געלט׳ – ריבוי הכמות

**דער** המן הרשע איז געקומען דא צו אחשורוש מיט אזא ביטערע גזירת כליה אויפן כלל ישראל רח״ל. און דער עיקר כח וויאזוי ער האט געקענט שולט זיין אויפן כלל ישראל, איז געווען מיטן קטרוג פון ״**יֶשְׁנוֹ עַם אֶחָד מְפֻזָּר וּמְפֹרָד בֵּין הָעַמִּים**״ (אסתר ג, ח), וואס דאס ווייזט אויף ׳פירוד׳, אז אידן זענען צוטיילט איינער פונעם אנדערן און זענען נישט באחדות. וואס דאס מיינט, אז אידן זענען אריינגעפאלן אינעם ענין פון ׳כמות׳. און דערפאר האט המן אנגעקוקט דעם גאנצן כלל ישראל ווי עפעס א נושא פון ׳כמות׳, און

ער האט זיי געוואלט אויסקויפן מיט אזא גרויסן 'כמות' פון 'עשרת אלפים ככר כסף'.

**אידן האבן זיך צוזאמגענומען 'באחדות' און צוריק אריינגעגאנגען אין דער עבודה פון 'איכות'**

**דעריבער** שטייט (אסתר ד, טז): **"לך כנוס את כל היהודים"**, מרדכי הצדיק האט צוזאמגענומען **אלע** אידן אינאיינעם מיט אן אחדות בלב שלם. און דורכדעם האבן זיי נאכאמאל אנגעהויבן צו לעבן מיטן 'איכות', אז דער עיקר איז דער 'כונת הלב'. און דורכדעם איז די גאנצע גזירה בטל געווארן; ווי די גמרא זאגט: **"הם לא עשו אלא לפָנים אף הקדוש ברוך הוא לא עשה עמהן אלא לפָנים"** - אידן האבן טאקע געהאט געזינדיגט מיטן זיך בוקן צום צלם, אבער עס איז דאך נאר געווען 'בחיצוניות', ווייל 'בפנימיות' האט עס זיי דאך אודאי וויי געטון און זיי האבן אזויפיל טרערן פארגאסן אויף דעם אז זיי דארפן זיך בוקן צום צלם. נאר פריער, ווילאנג אידן אליינס זענען געליגן אין חיצוניות און אין 'כמות' - **מְפֻזָּר וּמְפֹרָד** - איז דאס געווען גערעכנט אלס א חטא. אבער יעצט וואס אידן זענען צוריקגעקומען צו דער עבודה פון 'איכות' - האט שוין דער חטא נישט געהאט קיין חשיבות ביים אייבערשטן, און די גזירה איז בטל געווארן.

**איין ביסל 'איכות' פון א אידישער מחצית השקל, איז מער ווי אלע דיינע עשרת אלפים!**

**מיט** דעם פארשטייט מען: **"לפיכך הקדים שקליהן לשקליו"** - 'הקדים' מיינט נישט דא בלויז די הקדמה אין זמן, נאר 'קודם' אין חשיבות. דער אייבערשטער האט געזאגט: "דו מיינסט אז מיט דיין 'כמות' וועסטו האבן א שליטה אויף כלל ישראל? דיין כמות איז ביי מיר גארנישט! 'לִי הַכֶּסֶף וְלִי הַזָּהָב נְאֻם ה' צְבָאוֹת' (חגי ב, ח), נאר וואס דען איז ביי מיר חשוב? דאס וואס אידישע קינדער געבן א 'מחצית השקל' - וואס דאס ווייזט אויף 'מדות שבורות'! דאס וואס זיי לייגן אריין אן 'איכות' אין עבודת ה'! זיי קוקן אין יעדע זאך: "מיט וועלכע מדה דארף מען **יעצט** דינען דעם אייבערשטען?". און אזוי אויך, זענען זיי באחדות איינער מיטן אנדערן, וויסנדיג אז יעדער איז בלויז א האלב - נאר **דאס** איז ביי מיר חשוב! דער **כח** און דער **זכות** פון אידישע קינדער וואס דינען מיר מיט זייער ביסל 'איכות' - האט א כח מבטל צו זיין דיין 'כמות' פון 'עשרת אלפים ככר כסף'!".

**דער קליינער 'קומץ' איז 'כליל'**

**עס** קען אפשר זיין, אז דאס איז דער רמז פון א 'קומץ'. ווייל ווען א מענטש ברענגט א **גאנצע** מנחה אין בית המקדש, זאגט די תורה: "דו דארפסט נישט ארויפלייגן קיין גרויסן 'כמות' אויפן מזבח! עס איז גענוג אז דו נעמסט אראפ א קליין ביסל, אבער **דאס** ביסעלע זאל זיין 'כליל' דורך און דורך! דאס זאל זיין אינגאנצן פארן אייבערשטן! און דורכדעם ווערט דער גאנצער מנחה מוכשר און אנגענומען לרצון". זעט מען פון דעם, אז דער עיקר איז נאר דער 'איכות'.

**דער 'קליינער' קומץ און דער 'מחצית' השקל האט אוועקגעשטופט זיין ריזיגן פארמעגן**

**דאס** האט המן געזאגט: "**אתא מלי קומצי קמחא דידכו ודחי עשרה אלפי ככרי כספא דידי**" - ענקער 'קומץ' - וואס דאס ווייזט אויפן 'איכות' - האט א געוואלדיגן חשיבות ביים אייבערשטן, אז דער זכות דערפון איז געקומען און האט אוועקגעשטופט מיין גרויסן 'כמות' פון עשרת אלפים.

**און** ממילא איז עס שוין נישט קיין סתירה מיט די גמרא אויבן, וואס זאגט אז דער 'מחצית השקל' האט אוועקגעשטופט זיינע עשרת אלפים, ווייל סיי דער 'מחצית השקל' און סיי דער 'קומץ' - זענען ביידע דער זעלבער מכוון, אז דער אייבערשטער האט געוויזן, ווי ווייט ער איז מחשיב דאס קליין ביסל וואס ווערט געטון מיט א גוטע און ערנסטע כונה. און דוקא דורכדעם וואס אידן זענען צוריקגעקומען צו דער עבודה פון 'איכות' - איז נתעורר געווארן דער כח פון 'מחצית השקל' און 'קומץ' - וואס ווייזט, אז דער 'איכות' איז דער עיקר, און דאס האט אוועקגעשטופט די 'עשרת אלפים' פון המן.

**דער** אייבערשטער זאל העלפן, אינעם זכות וואס מיר האבן געליינט די פרשה פון מחצית השקל, קריאה איז דאך מעורר, זאל נתעורר ווערן דער כח וואס אידן האבן, אז זיי צוברעכן זיך די מדות פארן רצון הבורא, וואס דאס האט א געוואלדיגן כח מעורר צו זיין אלע השפעות טובות ברוחניות ובגשמיות, און מיר זאלן מיר שוין זוכה זיין בקרוב צום 'ושקל אשא בבית נכון ונשא', און צו די גאולה שלימה במהרה בימינו, אמן.

## דיבורים וסיפורים - ממה שסיפר תחת השיחים במשך השנים

**הרה"ק רבי ברוך מגארליץ זי"ע**
**א' אדר תרס"ו**

**לאמיר גיין זאגן דעם צייגעניש**

**דער** טאטע זכרונו לברכה האט פארציילט, אז דער גארליצער רב איז אמאל געזעסן פרייטאג צונאכט פאר קידוש און גערעדט שארף אויף גרויסע רבי'ס כדרכו בקודש, אינמיטן שמועסן - אן קיין שום הכנה - האט זיך פלוצלינג דער גארליצער רב געגעבן א שטעל אויף און געזאגט: "**לאמיר גיין זאגן דעם צייגעניש!**" (- עדות'שאפט). און ער האט געמאכט קידוש מיט א מורא'דיגן ברען. האבן אלע געזען, אז דאס רעדן אויף די רבי'ס איז נישט קיין פשוט'ע זאך, נאר ער האט דערין גרויסע ענינים.

**ער ווייסט יא וואס הקפות איז...**

**דער** טאטע זכרונו לברכה האט דערציילט, אז דער גארליצער רב האט אמאל גערעדט וועגן דעם ראזוואדאווער רב זצ"ל, האט ער געזאגט בתוך הדברים: "דער שווארצער ווייסט **יא** וואס עס מיינט הקפות, אבער דו מיינסט אז דאס איז זיינס? ער האט עס גע'גנב'עט אין אוהעל!"[ב].

**פון אן אמת'ער פסק - וויינט מען נישט אזוי...**

**א** אידענע האט אמאל געהאט א דין תורה, און זי האט אנגעוואוירן דעם דין תורה. איז זי געקומען צום גארליצער רב מיט בכיות נוראות, און זיך אויסגעוויינט אויף איר צרה, אז זי האט דערלייגט די דין תורה. האט דער גארליצער רב זיך אנגערופן: "אויב איז עס א דין אמת - וואלט זי נישט **אזוי** געוויינט!".

**איז** דער גארליצער רב אריבערגעגאנגען צום דיין וועלכער האט ארויסגעגעבן דעם פסק און אים געפרעגט 'מהיכן דנתני'. נו, דער גארליצער רב איז דאך געווען א גרויסער תלמיד חכם, האט ער

---

ב ביי זיין עלטער שווער דער ישמח משה זצ"ל, וכידוע אז ביים ישמח משה איז געווען א געוואלדיגע עבודה ביי די הקפות.

דורכגעטון מיט אים די גאנצע סוגיא, און נאכן דורכשמועסן, האט דער דיין איינגעזען אז דער פסק איז נישט געווען ריכטיג, און ער האט טאקע צוריקגעדרייט דעם פסק לטובת די אידענע.

#### מקדים רפואה למכה

**דער** גארליצער רב זצ"ל האט אמאל געזאגט פארן ברודער דער שינאווער רב זצ"ל: "פאָר קיין אמעריקע!". (זעט אויס, אז ער האט שוין דעמאלט געזען וואס עס גייט נעבעך קומען אין אייראפע). **האט דער שינאווער** רב אים געזאגט: "**איך** בין שוין צו אלט צו פאָרן, פאָר **דו**!". האט ער אים געענטפערט: "אז **איך** וועל פאָרן - ווער וועט מיר נאכפאָרן? אבער אז **דו** וועסט פאָרן, וועט מען דיר יא נאכפאָרן!".

**ווען** דער שינאווער רב זצ"ל וואלט געקומען קיין אמעריקע, וואלט דאך זיכער א גרויסער חסיד'ישער עולם געקומען אהער. עס איז טאקע געפארן אסאך אידן קיין אמעריקע, אבער דער 'חסיד'ישער עולם' איז כמעט נישט געפארן.

נו, וואס פארשטייען מיר צו די דרכי ה'...

#### טויזנט חסידים...

**דער** גארליצער רב איז אמאל געפארן קיין אונגארן נאך געלט. ווען ער איז אהיימגעקומען האבן אים די נאנטע מענטשן געפרעגט צי דער רבי האט מצליח געווען. האט ער געענטפערט מיט א ווערטל: "דא - ווייזנדיג אויף דער דרויסנדיגער חלק פון דער האנט, וואו די אונגארישע אידן קושן דעם רבי'ן - האב איך געהאט טויזנט, אבער דא - ווייזנדיג אויף דער האנט פלאך, וואו מען נעמט געלט - האב איך געהאט ווייניג...".

#### אז מען פארשטעלט זיך - 'איז' מען...

**דער** גארליצער רב האט געזאגט א שארף ווארט: "מען קען זיך נישט 'פאַרשטעלן' ווי א רבי'ן, ווייל אז מען פארשטעלט זיך - 'איז' מען דאך א רבי...".